הלכות מניעת דליקה בשבת

איידער מען רופט "מצילי אש"

א. מען דארף זיין פארזיכטיג צו שטעלן די שבת ליכט (ווי אויך סיי וועלכע לעכט מ'צינדט דורכן יאר) אין א פלאץ וואס עס זאל נישט קומען צו קיין שריפה ח"ו.

ב. נשים וואס פירן זיך אז זיי לעשן נישט אויס די שוועבל מיט וואס זיי האבן געצינדן די שבת ליכט, זאלן זיכער מאכן אראפ צו לייגן די שוועבל אויף א פלאץ וואס עס וועט זיכער נישט קומען צו קיין שריפה.

ג. אין פאל א ליכט איז געפאלן אויף דעם טישטיך, און עס איז דא א חשש אז דער טישטיך וועט אנהייבן ברענען, **זאל מען אויף הייבן דעם ליכט** (אפילו עס איז מוקצה), כדי מונע זיין עס זאל נישט קומען צו קיין שריפה (עי' שש"כ פרק מ"א סעי' י"ז) [אויב איז מעגליך זאל מען דאס טון מיט א שינוי].

ד. עס איז זייער נישט גלייך אריין צושטעלן אינעם אויוועו [א טאץ פון בלעך וואס האלט] ברענעדיגע 'טרעוולינג ליכט', כדי צו האלטן ווארעם די מאכלי שבת. דער מציאות אין דער פאראגאנגענהייט האט געוויזן אז עס איז גורם פייערס ה"י (ועי' במג"א סי' רס"ד ס"ק ט').

אין פאל מען זעהט אז די 'טרעוולינג ליכט' צולאזט זיך, און עס הייבט זיך אהן צו שאפן א פייער, כל זמן מען קען נאך ארויסנעמען די גאנצע טאץ, און ארויסטראגן דעם טאץ פון הויז, זאל מען אזוי טון, און מען זאל שטעלן דעם טאץ אויף א פלאץ וואו די פייער וועט זיך אליינס אויסברענען [און ערוואקסענער בעל אחריות זאל שטיין דערביי אז קיינער זאל נישט ניזוק ווערן].

אויב איז דא אפילו א קליינע חשש אז דורכן ארויסטראגן די ברענעדיגע ליכט וועט איינער ניזוק ווערן, זאל מען דאס נישט ארויסנעמען נאר מען זאל עס דירעקט אויסלעשן [נישט מיט ואסער] דורך דערשטיקן דעם פייער, מיט 'קאקאו' אדער 'בעיקינג סאדע'. [אויב איז מען נישט 100 פראצנעט זיכער אז מען קען עס אליינס אויסלעשן זאל מען זיך פארבינדן מיט די פייער לעשער אזוי ווי עס שטייט אין סעי' י"ג].

ה. אויב מען שפירט אז א 'ווייער' פון א 'האט פלעיט' וכדומה איז איבערגעשטרענגט, און עס איז דא א חשש אז עס וועט ברענען, **זאל מען ארויס שלעפן די 'ווייער' פון די וואנט**, לכתחילה זאל מען דאס טון מיט א שינוי.

ו. אזוי אויך אויב מען שמעקט אז די ווייערס פון הויז זענען אנגעשטרענגט, און עס איז דא א חשש אז עס וועט קומען צו אן עלעקטריק פייער, **זאל מען פארמאכן די 'סיורקיט ברעיקער'**, לכתחילה זאל מען דאס טון מיט א שינוי.

ז. אזוי אויך אויב דער פלאם פונעם 'גאז-רענטש' האט זיך פארלאשן, **זאל מען פארמאכן דעם גאז**, לכתחילה זאל מען דאס טון מיט א שינוי (שש"כ פרק א' סעי' כ"ח).

ח. אין פאל אז דער פלאם פונעם 'גאז-רענטש' איז געבליבן ברענען, מעג מען דאס צודעקן מיטן שבת בלעך. אבער מען טאר עס נישט צודעקן מיט א דינעם בלעך אדער אולומנים וואס קען ווערן אזוי אנגעהיצט אז עס

זאל ווערן רויט (עי' משנ"ב סי' שי"ח ס"ק צ"א, וסי' רע"ז ס"ק כ"ב, שש"כ סי' א' הערה נ"ט, ס').

ט. אין פאל דער עלעקטריק טשייניק האט זיך אויסגעליידיגט פון וואסער און עס איז דא א חשש אז עס קען פלאצן, און מזיק זיין מענטשן, **זאל מען ארויס שלעפן די 'ווייער' מיט א שינוי.**

י. אין פאל אז עס שפירט זיך א ריח פון א דאך 'פען', כאילו עס איז פארייכערט וכדומה **זאל מען אויסלעשן די 'סוויטש' פונעם 'פען' מיט א שינוי.**

יא. אין פאל דער טישטיך האט אנגעהויבן ברענען און דער פייער איז נאך זייער קליין זאל מען גיסן וואסער ארום דעם פייער, כדי דער פייער זאל זיך נישט קענען צעשפרייטן, [אויב דער טישטיך איז פון סחורה און דער מצב ערלויבט איז ראטזאם נישט צו נוצן וואסער נאר אנדערע משקאות] (סי' של"ד סעי' כ"ד).

יב. בזמנינו, ביי אונזערע שטעט, ווען עס איז דא דער מינדעסטער חשש אז דער פייער וועט זיך צעשפרייטן, איז עס א חשש פון פיקוח נפש ממש. דערפאר אין א פאל וואס עס איז נישט 100 פראצענט קלאר אז מען קען מונע זיין די פארשפרייטונג פונעם פייער דורך גיסן וואסער ארום דעם, דארף מען תיכף ומיד אויסלעשן דער פייער דירעקט.

יג. אויב דער פייער איז גרעסער געווארן און עס איז נישט זיכער 100 פראצענט אז ער וועט עס קענען אליין אויסלעשן, זאל מען תיכף ומיד רופן **מצילי אש**.

יד. תיכף נאכן רופען **מצילי אש** זאל מען זיכער מאכן אז קיינער איז נישט אין דעם הויז - און פאל וואס עס זענען דא אינעם הויז עלטערע מענטשן אדער קינדער און מען דארף הילף זיי צו עוואקיואירן זאל מען זיך תיכף ומיד פארבינדען מיט די **חברי הצלה** און די **חברים** ארגענעזאציעס.

טו. אויב זעט מען א פייער אויף דער גאס אדער אין א בנין וואס האט נישט קיין איינוואוינער, זאל מען זיך תיכף ומיד פארבינדען מיט **מצילי אש**, ווייל בדרך כלל איז א פייער זייער א גרויסע סכנה פון זיך אנכאפן אין דערנעבנדע בנינים (סי' שכ"ט סעי' א', משנ"ב סי' של"ד ס"ק ע"ג בשם הא"ר, ועי' עוד ברמ"א שם, ובערוך השלחן סעי' ט').

טז. אויב די 'סמאוק דיטעקטאר' פייפט, און מען איז נישט הונדערט פראצענט זיכער אז עס איז נישט דא קיין שום שריפה, זאל מען זיך פארבינדען מיט **מצילי אש**.

יז. אזוי אויך אויב דער 'קארבאן מאנאקסייד דיטעקטאר' פייפט, זאל מען זיך פארבינדען מיט **מצילי אש** [סיידן אויב מען איז הונטערט פראצענט זיכער אז עס איז נאר א באטארי פראבלעם].

יח. אפילו אויב עס איז נאכדעם מבורר געווארן אז מערערע מענטשן האבן גערופען **מצילי אש**, דארף מען נישט קיין תשובה ווייל יעדער האט גערופן מיט די כוונה צו מציל זיין פון פיקוח נפש, און יעדער באקומט שכר פאר די הייליגע מצוה (עי' סי' שכ"ח סעי' ט"ו).

יט. אזוי אויך ווען עס איז נתברר געווארן נאכן רופן **מצילי אש**, אז דער פייער האט זיך פארלאשן פון זיך אליין, דארף מען נישט קיין תשובה ווייל ער האט גערופן מיט די כוונה צו מציל זיין פון פיקוח נפש (הנ"ל, ועי' במשנ"ב סי' של"ד ס"ק ע"ו, ובכף החיים ס"ק קכ"ט).

כ. אין פאל אז א וואסער 'פייפ' האט געפלאצט, טאר מען בשום אופן נישט רופן **מצילי אש** — מען זאל זיך פארבינדן מיטן **חברים פאטראל** [נישט מיט א טעלפון].

(845) 426.9111 / 24-7